ש. י. האַרענדאָרף האָט דורכגעמאַכט אַ קראַנקהייט און מיר פרייען זיך הערן אַז ס׳איז אים בעסער און ער גייט ווייטער אָן מיט זיין אַרבעט.

ביי דער בונדישער יובל־פייערונג ביי די „ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס" האָבן זיך צווישן אַנדערע באַטייליקט מאיר באגדאנסקי און משה רעגן.

צום סימפּאָזיום, וואָס קומט פאָר היי־יאָר אין פּאַריז, פליען אָפּ פון לאָנדאָן די חברים: שמואל גאָלדשמידט, יעקב הלוי, יעקב זאָנטאג, מיכאל זילבערבערג, י. א. ליסקי, יוסף לעפטוויטש, ד״ר יעקב מייטליס, בר־כוכבא נאַראָד, יוסף פרענקל און י. ח. קלינגער.

יידישער וועלט־קאנגרעס (יידישער קאמיטעט) און יידישער זשורנאליסטן און ליטעראטן פאריין

איינלאדונג צו אונזער

# לעבעדיקע צייטונג

וואס וועט פארקומען

**זונטיק, דעם 26־טן יאנואר, 1969, פונקט 3 א זייגער**

אין

**21 DEAN STREET, LONDON, W.1**

אונטער דער רעדאקציע פון יוסף פרענקעל

1) יידיש סימפּאזיום אין פאריז — יואל צאנג
2) „יידישע דיאלאגן" — י. ח. קלינגער
3) זלמן שניאור — 10־טער יארצייט — יוסף לעפטוויטש
4) דאס נייע יידישע ווערטערבוך — שמואל גאלדשמידט

**זונטיק, דעם 23־טן פעברואַר, 1969, פונקט 3 אַ זייגער**

אונטער דער רעדאַקציע פון יוסף פרענקעל

1) **מאַקס בראָד ז״ל** — ד״ר מאיר גערטנער.
2) **„לשון און לעבן" — 30 יאָר** — ש. י. הארענדארף.
3) **מנחם בארײשא ־ 20־טער יאָרצייט** — א. נ. שטענצל.

איינטריט פריי — קומט אין צייט

TOWER HAMLETS LIBRARIES

282

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 2־3 (העפט 7־446) דרייסיקסטע יאָר פעב־מערץ 1969, לאָנדאָן

א י נ ה אַ ל ט :

ניין אויפגעהאנגענע יידן אין באַגדאַד, „שה פזורה ישראל, שלום, „יהי אור" — — לכבוד פורים. ** 1
די פסיכאָפּאַטישע שנאה פון המניזם (עסיי) יעקב ריכטיגער 8
פאַר שוסטערס און שניידערס אַ ליד יוסף לעפטוויטש 11
אויגן־אַפּלען (ליד) שמואל וההייט 11
מיינע זיבן וואָכן אין געפענגנים, אינטימע באַלאַדע (פּראָזע, פּאָעזיע) א. נ. שטענצל 13
לייב פיינבערג, ע״ה יוסף לעפטוויטש 22
אַ פורים־שפיגל ד״ר מאיר גערטנער
יידישע ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס
רעדאַקציע נאָטיץ.

יידיש ליטערארישע שבת נאָכמיטאַגס
(בערנארד באראן סעטלמענט, בערנער סטר. 33, א.1. שבת, 3 א זייגער)

שבת דעם 8־טן פעברואַר אַ פאָרטראָג פון ח. נ. בענוויטש.
שבת דעם 15־טן אַ לעקציע פון יעקב ריכטיגער.
שבת דעם 22־סטן פסח־מאָטיוון אין דער יידישער ליטעראַטור.
שבת דעם 29־סטן — געווידמעט די 54־סטע פרץ־יאָרצייט.

**מלך ראַוויטשן צו זיין 75 יאר ווינטשן מיר נאך א סך גוטע געזונטע יארן — לשון און לעבן.**

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—
7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

מאיר גערטנער

## א פורים-שפיגל

איציק מאַנגער איז געשטאָרבען ווען דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט — נישט וויסנדיק פון זיין פטירה — גערעדט אין אַ רעפעראַט (ביי לוי גערטנערס העברייאישן סעמינאַר אין ברייטון) וועגן מאַנגערס „מגילה־לידער". דער טויט פון דעם אַזוי זער יידישלעך־אָריגינעלן פּאָעט איז אַ גרויסע אבידה פאַר דער יידישער קולטור. שטייענדיק פאַר פורים ברייננגען מיר דאָ אַ פּאָר ווערטער וועגן די „מגילה־לידער" צוזאַמען מיט דער געקירצטער הקדמה צו זיי.

די „מגילה־לידער" זענען נישט קיין פורים־שפּיל. דער גורל פון אידישן פאָלק אין גלות שפּיגלט זיך אין דער ווערק. ווארום די מגילה־מעשה איז דאָך אַ גלותדיקע מעשה; די איינציקע, אגב, אין תנ"ך. שוין דער מדרש־חזל האָט די אסתר־געשיכטע איבערדערציילט און געמאַכט זי „אַקטועל". המן'ס אַנטיסעמיטישע בריוו וואָס ער האָט צירקולירט: — „די אידן זענען אויסן אונדז נאָר שלעכטס צו טון; זיי זענען אומדאַנקבאַר פאַר די טובות וואָס מיר טוען זיי". — זענען אַ גלות־שפּיגל. אסתר אין מדרש איז אַן אָפּגעהיטע כשרע אידישע טאָכטער; וויל נישט, חלילה, אָנרירן קיין טריפהנע מאכלים. נאָר וועגעטאַריש. דאָס איז טיפּיש חזל'יש. מאַנגערס מגילה־דרש איז אויך „אַקטועל".

מרדכי איז „דאָס יידל מיטן האָרב" וואָס מעג „האַנדלען מיט כשרער זייף. אסתר איז גאָר שטאָלץ אויף איר שיינקייט: „טאַקע נאָר איך אַליין ווייס, ווי שיין איך בין". און איר פעטער „ר' מרדכי שמייכלט אין קלויז אַרומגערינגעלט מיט יידן; זיין ווייבס אַ קרובה וועט כל־ישראל טון אַ טובה". „המן טעלעפאָנירט צו ויזתא אין דער רעדאַקציע". ער רעד (זכר ליטלער) דייטש מיט זיין זון: קרייץ־הימל־דאָנערוועטער! איך האָב אַ נייעסל פאַר דיינע בלעטער; דער מלך איז אויף יאַגד געגאַנגען . . . איז צווישן די יידישע יאטקעס אַפּיר אַ צעשויבערטער יינגערמאַן און אַ געשריי געטאָן: טיראַן! — פאַרשטייסט אַליין, מיין זון, מען דאַרף די ידיעה פאַרשפּרייטן, אַז דאָס האָבן די זשידעס אָנגעשטעלט". ויזתא ענטפערט (אין מאָזליס ענגליש): „יעס, פאַפּאַ, דו קענסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן; די זשידעס וועלן שוין שפּרינגען ביי מיר אַזוי ווי דערשראָקענע האָזן". בייזע יידישע חלומות פון נעכטן און היינט זען מיר אין דער שפּיגל.

זייט זשע, יידן שאַ שטיל!
מיר פאַנגען אָן דעם פורים־שפּיל.
אַ פורים־שפּיל אין גראַמען,
וואָס האָט אַזוינע טעמען.
ווערס'וועט עס ליינען,
וועט ווי אַ בובער וויינען.

---

רעדאקציע-נאטיץ: די קולטור ידיעות קומענדיקן חודש.

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 3־2 (העפט 7־446) דרייסיקסטע יאָר פעב.־מערץ 1969, לאָנדאָן

## ניין אויפגעהאנגענע יידן אין באגדאד

ניין אויפגעהאָנגענע יידן אין באַגדאַד!
רעכנט דאָך אויכעט מיך צו, וועט אַ מנין זיין —
וועלן זיין עשרה הרוגי־מלכות!
אויב נישט אויף גאַלגן, וועל איך אויסגיין אין געוויין.

גרייט זיך אויפסניי חורבן ירושלים?
„למה רגשו גוים ולאומים יהגו ריק" — —
ניין, ניין, פאַר אַנטלאָפענע פון גלות,
פון גאַז־קאַמער, איז דען פאַראַן נאָך אַ צוריק?

ניין אויפגעהאָנגענע יידן אין באַגדאַד,
און די איבריקע דאָרטן און אומעטום?
„למה רגשו גוים ולאומים יהגו ריק" — —
זאַזאַ מאָוימדיק שרעק נעמט מיך אַ רום.

שטייען יידן אַצינד ביי דער מערב־וואַנט,
פאַרשטיינט זיי ווערן — אַ שטיק פאַרגליווערט געוויין!
אַ פייער־מויער אויפגעשטעלט צו בלייבן,
און נישט צוריק שוין מער אין אַ גלות צו גיין.

ניין, ניין — — וואָס וועט זיין? וואו גיין? וואו בלייבן שטיין?
ווי צו תשליך געבויגן אויף אַ טעמזע־בריק —
איבער אַ טייך פון בבל כ'וואָלט געשטאַנען:
„למה רגשו גוים ולאומים יהגו ריק" — —

ניין אויפגעהאָנגענע יידן אין באַגדאַד!
און די אַנדערע געהאָנגענע, חוץ די ניין?
אַ קדיש־יתום נאָך דער וועלט צו זאָגן;
אין אַ נעכסט שולכעל כ'לאָז מיך אבלדיק גיין.

## סאנעט

. . . גוט, „שפּיאָנען ווערן געהאָנגען",
אָן אַ צוק אפילו פון אַ וויע!
אָבער דאָס טאַנצן אַרום דער תליה,
מיט יובל־געשריי און געזאנגען?

די צייט, טויזנט יאָר שוין פאַרגאַנגען
און שוין לאַנג געריסן נאָך איר קריע — —
אויב דאָס מיינט אייער הילף און ישועה,
מזרח־מענטש זאָל צוריק דערלאַנגען ?

וועט איר געבראָכן גיין גאָר אינגיכן !
יאָ, עס ברעכט זיך די אייזערנע בריק
ווען מען גייט נישט פאָרויס, נאָר צוריק ;

צומאָל מען שרייט : „מ׳גייט אַקייגן משיחן״.
„גוט, שפּיאָן אויף תליה ווערט אויפגעהענגט״ !
בלויז אַ פאַררעטער אָן אידעע אומברענגט ?

## „שה פזורה ישראל״

מצרים און אשור און בבל,
ירמיהו, פּונקט ווי אין דיין צייט —
„און זע, אַ פאָלק פון צפון אויפגייט״ !
ווי אייביג, ווי איצטיק דיינע רייד.

ווי געוואַלטיק זיי אויסגעשרגן :
בת־קול צעבליצט פון הימל אַראָפּ,
הילכט עכא פחדימדיק איצט נאָך אָפּ —
אַ דונער זיך נאָכקייקלט דער טראָפּ.

ווי דיין נביאיש וואָרט וואר געוואָרן :
מ׳וועט וואו זוכן אין ישראל אַ זינד,
אָבער נישט קיין איין חטא מען געפינט,
הייליק ריין איז ישראל אַצינד.

ווייל פארגעבן עס איז פארגעבן — —
די שארית־ישראל יעדנפאלס
אָפּגעקומען פאַר אַלע און אַלץ,
אַראָפּגענומען ס׳ווערט יאָך פון האַלז —

זע, די „שה פזורה ישראל״,
האַלב צעגריזשעט שוין פון לייבס ציין,
פּאשעט זיך אויף פלוין און נישט אַליין,
מיט וואָלף און לעמפּערט — ס׳איז וואר. אמן.

## ש ל ו ם

די פרייד פון זעקס־טאָגיקן קריג און ערשט פון זיג —
נישט ווי שאָף די העלזער צו שחיטה אויסצושרעקן !
אָבער ערשט, אַז דער פרידן וועט קומען — פאַר שלום
טוט דאָך גאָט אַליין זיין נאָמען לאָזן אויסמעקן.



אַסך שווערער געווינען דעם פרידן ווי אַ קריג,
ווייל דעמלט מוז אַ פאָלק זיך אַליין שוין באַזיגן ;
און שטייט נישט : „איזהו גבור, שכובש את יצרו״,
דאָ דען אַ גרענעץ — גרענעצן זאָלן גענוגן ?

ווי באַגרענעצט איז דער מענטש — שטאט דעם לאבן ברויט
מיטן מעסער צעשניידן און ערלעך פאַרטיילן,
וואַרפן מיר זיך גאָר מיט אים איינער אויפן צווייטן,
אונזערע לייבער צו צעשניידן און צו צעקיילן.

און „מי שיש לו מנה רוצה מאתים״ !
און דאָס טאָפּלט זיך דאָך און ציט זיך אומענדלעך ;
אַז ווער זיינען דען די „גרויסע״ אַצינד ? גרויסע
וועלט־פאַרכאַפּערט אויסגעוואַקסן פון קליינע לענדלעך.

וואָס מיינט דען דאָס וואָרט קריג ? וואָס מער פאַרכאַפּן, מער קריגן !
און אַז דאָס זאָל אַזוי ווייטער גיין, נישט אויפהערן — —
זע, עס געניגט דאָך זיי שוין נישט די ערד אפילו,
די לבנה און דעם מאַרס און דער ווענוס־שטערן.

און אַז מיר וועלן שוין אין זיבעטן הימל זיין
און די ערד וועט אונזער פּיסנבענקעלע ווערן ?
וועלן מיר זיך, נישט מיט ביקס און שווערד, ווי די געטער —
מיט דונער און בליץ איינס ס׳אַנדערע זיך צעשטערן.

## „יהי אור״ — —

וויפיל שווערדן נישט געשליפן,
און איצט דער אַטאָם־געשפּאַלט, — —
ס׳איז דאָס וואָרט דאָס געאייביקטע,
אויף וועלכן די וועלט זיך האַלט.

ווי שאַרף אויסגעשליפן עס איז,
ווי בליציק ס׳איז, ווי בלאַנק — —
וואסער־באמב נישט פאַרלעשן קאָן׳ס
נישט צעשאָסן פון טאַנק.

ווי ציגל גוט אויסגעברענטע,
אויף שייטער און אויף שאפאט,
און ערשט אין די קרעמעטאָריעס
אויפגעגליט דאָס וואָרט זיך האָט.

ווי אַן אַלט בנין וואָס צעפאָלט,
אַז צעפאַלן ס׳וועט די וועלט,
פון די ציגל ניי אויפגעבויט — —
„יהי אור״ ! ליכטיק צעהעלט.

## צוויי פורים-רב תורות לשנת תשכ״ט

### א) „האשתרנים בני הרמכים (מגילת אסתר ח׳, י׳)

דיפּלאָמאַטיע, גרויס־פּאָליטיק איבער
אַן איך־קוצין־עיקוצל פון א ייד
איידער נאָך מ׳הרגעט זיך, ס׳כלי־זיין שיסט,
ווערט פון אַקעראייזן שווערד שוין געשמידט.

„האחשתרנים בני רמכים״ — —
נאָך פליט שלום־שטויב אַהין און אַהער,
און שוין מלחמה־דעקלער, געיובל,
מיט האַרמאַטן־פּיסק הייבט אָן ריידן ס׳געוועער.

„רמכים״ — דער כתיב טאַקע מיט אַ כף,
אָבער דער קרי איז רמחים, מיט אַ חת —
די שלום־טויב אונטער אירע פליגל
טראָגט שוין אויף שפּיץ־שפּיז דאָס מלחמה־מת.

### ב) „ומדבר כלשון עמו״ (מגילת אסתר, א׳, כ״ב)

דער ריב הלשונות — העברעאיש־יידיש —
זייט דעם קעניג פון כוש ער ציט זיך שוין;
וואָס דווקא געוואָלט קושן זיין מלכה,
ווי מאַמע זי געהאט האָט און — אין קרוין.

אַרום שטייען די אחשתרנים,
חכמים אַזעלכע וואזשנע ווי ער,
האַלטן שוין ביים „עד דלא ידע״־כוס
און מען ברענגט זי אים אַלץ נאָך נישט אַהער.

טויט־שכור אויף ווילדן הימלבעט שוין
און די סריסים מיט ליידיקן צוריק — —
„וחמתו בער בו״ פאַר צאָרן
דעם מלכס פנים פלאַקער־רויט — אַ צוויק:

„נישט נאָר בלויז דעם קעניג די קעניגין —
„באַליידיקט גאַנצע מענלעכע געשלעכט!״
דעמלט טאַקע געשאַפן געוואָרן
דער „להיות כל איש שורר בביתו״־רעכט.

אָבער איבער דעם צווייטן העלפט פסוק
צו רייסן דעם יאשטשיק מ׳ווערט אַלץ נישט מיד —
דורך „שבע ועשרים ומאה מדינה״,
און מרדכי היהודי אָלץ נאָך אַ ייד:



ווער זאָגט דאָס „ומדבר כלשון עמו״?
אפשר לייענט עס זיך דייקא מיט אַ בית?
אַ קרי, אַ כתיב, אָפּגעהאַקט עקל,
אַל עיקוצל — — „כלשון״, „בלשון״ גיי ווייס?

„אחשתרנים . . . יצאו דחופים״!
אָבער ביזגעלע ווען, ביזגעלע וואָס,
עד דלא ידע עברית, יידיש — — פאנפעט
בלע״ז־פאַרשנאָשקעט מאנדרישס מאזשגע־נאָז.

* * *

אַ גליק מיט מאזשגע מען קאָן אַלץ פארשטעלן,
נאָר נישט ס׳אייגענע קול און נישט דעם בליק;
און ווי פּאָליטיק טריק מאַכט עס געשיקט,
סוף־כל־סוף עס קומט אַרויס — דער סמיק.

## א פורים-„חילוק״

אָלע יום־טובים וועלן בטל ווערן,
נאָר דער יום־טוב פּורים וועט בלייבן,
ווארום צי קאָן מען דען אַוועקוואַרפן
די פאטשיילע מגילה־געלט צו קלייבן?

פון אַ מצוות־עשה מ׳קאָן זיך אָפּזאָגן,
אָבער פון געבאָט: „קרעפּלעך זאָלסט דו עסן!״
פון ב׳עס־גדול מיט כוס פאַרטרונקן —
אַזאַ מצווה צי מעג מען דען פאַרגעסן?

און פון אַזאַ יום־טוב אַ כוסה צו נעמען
וועלכער שוטה וועט זיך דען אָפּזאָגן;
עד דלא ידע: אַ מרדכי, אַ המן? —
עס מוז דאָך נאָר זיין ווער צו שלאָגן.

און צי אַ מרדכי הצדיק אויפן פערד,
צי המן הרשע? דעם פערד קיין חילוק!
וואָרום יענער, וואָס האַלט בייטש אין האַנט, שמייסט,
דער גרעסטער צדיק־הגדול אפילוק — — —

צי וועט מען אָבער אייביק מאַסקעס טראָגן?
דערפאַר אַלע יום־טובים בטל ווערן,
מצוות־פּורים אָבער — די מאַסקע אַליין!
דערפאַר וועט פּורים קיינמאָל נישט אויפהערן.

ס׳קלאַפּן די המן־קלאַפּערס, ס׳גרייגערן די גרייגערס,
קארהאד דער קאָפּ ביים פונאַנדערקלייבן — —

עד בלי די, טויט־מבושמדיק זיך צעוויינען:
גאלגן? צלם? אייביק שוין אַזוי בלייבן?

י. ריכטיגער

## יידישע פילאזאפיע און טראדיציע
## די פסיכאפאטישע שנאה פון המניזם

המן׳ס שנאה צו די יידן אין דער פרס ומדישער אימפעריע זעט אויס צו האָבן געווען אַ פסיכאָפּאַטישע: אומלאָגישע דערווידערקייט. אויב עס איז אַמאָל געווען אַ מאָטיוו פאַר דער שנאה האָט המן ניט געוווסט דערפון און עס איז ניט געווען די סיבה וואָס האָט אַרויסגערופן די פיינדשאַפט. די שנאה זיינע איז געווען אַ דערוועקונג פון פרימיטיווער אָדער קינדערישער מורא פאַר אומבאַקאַנטע אָביעקטן. זי איז געוואָרן איינגעזויגן מיט דער מוטערס מילך און אויפגעכאוועט מיט וויגלידלעך פון האַס, וואָס פאַרוואַנדעלט זיך אין אַ אינסטינקטיווען דראנג אָפּצושטויסן און פאַרניכטן דאָס פרעמדע, ווען אפילו עס איז אַ ברכה און אַ הילף. פונקט אַזוי ווי מען הערט איצט, אַז דער קערפּער פון מענטש פאַרשטויסט און פאַרניכטעט לעבן און געזונט ברענגענדיקע, כירורגיש איבער געפלאַנצטע, פרעמדע הערצער און אַנדערע אברים.

דער דאָזיקער אויספיר וועגן המן׳ס „יידנפאָביע״: שנאה וועגן מורא, איז קלאָר צו זען פון דער געשיכטע אין מגילת אסתר. ער און מרדכי זענען געווען דעם מלך אחשורוש׳ס הויף מענטשן און עצה געבער, איז ער דערהויבן געוואָרן צו דעם אַמט פון פרעמיער מיניסטער און אַלע דינער פון קעניגלעכן הויף האָבן געקניט און געבוקט זיך צו אים, ווייל דער מלך האָט אַזוי באַפוילן צו טוען, אַליין נאָר מרדכי האָט אים ניט אָפּגעגעבן דעם כבוד. עס ווייזט זיך אַרויס אַז דער באַפעל פון מלך איז ניט געווען גענוג קלאָר לגבי מרדכי׳ן — מען איז ניט זיכער געווען — צי ער דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַ דינער אָדער ער האָט אַ העכערן ראנג. המן זעלבסט איז געווען מסופק וועגן דעם, און כדי ניט צו באַלעסטיקן דעם מלך מיט דער פראַגע, האָט ער זיך ניט געמאַכט זען.

אָבער די דינער האָבן מרדכי׳ן מקנא געווען און געטראַכט צו באַוועגן אים, ער זאָל זיך פרייוויליק אונטערוואַרפן דעם באַפעל פון מלך, האָט ער זיי געזאָגט — כדי פטור צו ווערן פון זייער נודזשען — אַז ער איז אַ ייד און זיין רעליגיע דערלויבט אים ניט צו קניען אָדער בוקן זיך צו אַ מענטש. האָבן זיי המנ׳ן דערציילט וואָס מרדכי האָט געזאָגט, איז המן בייז געוואָרן און דער „צורר היהודים״ — די פסיכאָפּאַטישע שנאה, געירשנט פון דורות קעגן יידן, האָט זיך אים צעפלאַקערט . . . לעכערלעך איז איצט געווען אין זיינע אויגן אויסצושטרעקן זיין פויסט אויף מרדכי׳ן אַליין, ווען ער ווייסט ווער מרדכי׳ס פאָלק איז, און דערפאַר האָט ער געזוכט צו פאַרטיליקן אַלע יידן פון פרס ומדי. (אסתר ג׳).

די צורר היהודים׳דיקע פסיכאפאַטיע ווייזט זיך נאָך קלאָרער אַרויס,



ווייסנדיק אַז די פרס ומדישע אימפעריע איז געווען די ערשטע פעדעראַציע אין דער וועלט געשיכטע פון אויטאָנאָמישע לענדער און אומאָפּהענגיקע רעליגיעס. כורש מלך פרס האָט געגרינדעט די אימפעריע אויף די חורבות פון אסיריע און באבילאָניע, אין אַנטיטעז צו זייער וועלט באַנעם. די גמרא זאָגט — „מלך אשור בלבל את העולם״: דער קעניג פון אסיריע האָט אויסגעמישט די פעלקער, פאַרטריבן זיי פון זייערע לענדער כדי זיי זאָלן פאַרגעסן זייער אָפּשטאַם און לשון. (מלכים ב׳, י״ז, ברכות כ״ח) וואָס ווערט באַשטעטיקט דורך דער פאַרצייכענונג אויפן שוואַרצן אָבעליסק פון אסירישן מלך נאבולפולאסר. — אין דער באַשרייבונגען פון זיינע מלחמות זאָגט ער דאָרט —„איך האָב צעשטערט זייערע הויפטשטעדט און צעשפרייט זיי אין די לענדער פון מיין קעניגרייך״. (ק. הוארט, פערסישע און איראנישע ציוויליזאַציע, ז׳ 45).

בבל, ווידער, האָט ניט געזוכט צו אַסימילירן די פעלקער, ווי אשור האָט געטון, נאָר זי האָט אַרויפגעצווינגען אויף זיי אַ מאָנאָליטישע אָדער איינהייט לעכע רעליגיע, ווי געפינט עס פאַרצייכענט אין דניאל. — — נבוכדנצר, דער מלך פון בבל האָט געלאָזט אויסגיסן אַ סטאַטוע אָדער פיגור פון גאָלד . . . און געלאָזט אַויסרופן אין אַלע לענדער, נאַציעס און לשונות, אַז ווען מעט וועט הערן קלעזמער שפילן . . . זאָל אַלע קניען און בוקן זיך צו דער גילדענער פיגור. (דנאל ג)) און אין בריטישן מוזעאום געפינען זיך די פון ליים געבאַקענע טאוולען, דורך אַרכעאָלאָגן אַנטדעקט אונטער די חובות פון נבוכדנצר׳ס פּאַלאַץ, וואָס די געשריבענע געשיכטעס אויף זיי באַשטעטיקן דאָס וואָר איז פאַרצייכענט אין דניאל.

פאַרלירנדיק זייער פרנסה האָבן די פריסטער פון אַלע אַנדערע רעליגיעס אָנגערייצט זייערע פעלקער אויפצושטיין קעגן די שענדער פון זייערע טראַדיציאָנעלע הייליקטומער און העלפן כורש׳ן מנצח זיין די בבלשע אַרמיי. האָט כורש נאָכן נצחון, ווי עס איז פאַרצייכענט אויף זיין ליימענעם צילינדער, צוריק געגעבן צו די פעלקער זייערע טראַדיציאָנעלע געטער און געהאָלפן זיי אויפבויען זייערע טעמפלען וואָס נבוכדנצר האָט חרוב געמאַכט. (ל. וו. קינג, אַ בעשכטע פון בבל, ז׳ 4ײ2) אַזוי ווי ער האָט די צוגערויבטע כלים פון בית המקדש, וואָס זענען געלעגן אין טעמפל פון בבלשן הויפּט־גאָט מרדוך, צוריק געגעבן צו די יידן און געבעטן די פערסיער, זיי זאָלן מנדב זיין געלט און חפצים צום אויפבוי פון בית המקדש, (עזרא א׳). **דערפאַר** האָט אים ישעיה אָנגערופן „משיח״. (ישעיה מ״ה)..

מחמת דעם, האָט המן באַנוצט אַ פּאָליטישן טריק דורכצופירן זיין באַשלוס; כדי מען זאָל נישט זאָגן אַז ער איז קעגן דעם פרייהייטס רעזשים וואָס כורש מלך פרס האָט איינגעשטעלט, נאָר ליהפוך, מען זאָל אים לויבן אַז ער איז אַן איבערגעגעבענער היטער פון דער פרייהייט, האָט ער אָנגעוויזן אויף די אָפּטע סכסוכים און מחלוקות, וואָס קומען פאָר אין די לענדער פון דער אימפעריע, ווייל עפּעס אַ פרעמדע גרופּע מענטשן קלאַמערן זיך

צו זייער טראַדיציאָנעלן לעבנסשטייגער און צעשטערן דערמיט דעם יסוד פון קולטורעלן שלום. אין איינע פון זיינע אוידיענצן ביים קעניג האָט מען אָנגעוויזן אַז די אָפטע קאָנפליקטן ברעכן אויס, ווייל — — „ישנו עם אחד״: פאַראַן אַן איינציק פאָלק צעזייט און צעשפּרייט צווישן די פעלקער אין אַלע מדינות, וואָס זייערע געזעצן זענען אַנדערש, ווי ביי איטלעכן פאָלק און די געזעצן פון מלך האַלטן זיי ניט.

אמת זיי צאָלן שטייערן, אָבער צוליב דעם לוינט ניט צו לאָזן זיי ווו זיי זענען. אויז דעם מלך געפעלט אָנצושרייבן אַ דעקרעט אומצוברענגען זיי, וועל איך איבערשיקן פון מיין קאַסע צען טויזנט צענטער זילבער צו די שאצקאמערן פון מלך, צו דעקן דעם שאדן פון זייערע שטייערן. זעענדיק המן׳ס פּאַטריאָטיזם און אפּער־ווילִיקייט פאַרן ווילשטאַנד פון מלוכה און קעניג, האָט אחשורוש צו אים געזאָגט — — דאָס געלט, וואָס דו ווילסט געבן צו פאַרגוטיקן פאַר די שטייערן, שענק איך דיר און אויך דאָס צעזייטע און צעשפּרייטע פאָלק, דו מעגסט טוען מיט זיי ווי עס געפעלט דיר. (אסתר ג׳).

אַזוי איז די איצטיקע פיינדשאַפט פון קאָמוניזם צום יידישן פאָלק אַ פּסיכאָפּאַטישע. איר מקור איז אַ זער אַלטער, אָבער איר גיפטיקייט פאַרסמט די מוחות פון איצטיקע מענטשן ניט ווייניקער ווי די פריערדיקע. עס איז אַ דיכטעריש געשאַפענער רחמנות געפיל אויף אַן אויסגעטראַכט פארלאָזן אָרעם קינד, וואָס דאָס יידישע פאָלק זאָל האָבן געקרייציקט, ווען עס איז געוואָרן אַ גאָט פון ליבע און שלום. די רחמנות־שנאה איז אין די אַלטע צייטן פאַרשפּרייט געוואָרן כדי צו פאַרדעקן די ברוטאַלע נאַקעטקייט פון רוימיש־קריסטלעכער עקספּאַנסיע מיט איר באַצווינגונג פון לענדער און עקספּלואטאַציע פון פעלקער.

דער רוימיש קריסטלעכער אימפּעריאַליזם איז שוין לאַנג צעזעצט און צעשפּרונגען, אָבער די פאַרשפּרייטונג פון דער רחמנות־שנאה איז געבליבן ביזן היינטיקן טאָג אַ מיטל פאַר אימפּעריאַליסטן און אוזופּאַרטאָרן, אָפּצו־טעמפּן דעם שכל ביי די מאַסן, זיי זאָלן ניט אויפשטיין און צעשמעטערן די מוחות פון זייערע באַצווינגער און עקספּלואטאָרן. מערקווירדיק איז, וואָס די פאַרצייטישע פּרס ומדישע אימפּעריע האָט געגעבן אויטאָנאָמיע צו יעדן פאָלק און אומאָפּהענגיקייט צו יעדע רעליגיע, אַזוי האָט דער איצטיקער קאָמוניזם געגעבן די רעכט פון עקזיסטענץ צו יעדן פאָלק און צו יעדע רעליגיע אין זיין אימפּעריע, נאָר די פּסיכאָפּאַטישע שנאה צום יידישן פאָלק איז געבליבן. די יידן פאָביע וואָס פירער פון קאָמוניזם האָבן איינגעזויגן מיט זייער מוטערס מילך און די רחמנות־שנאה־לידער מיט וועלכע זיי זענען איינגעשלעפּערט געוואָרן, פאַרדאָרבן די מוחות פון זייערע אָנהענגער.

ווידער הערט מען אומעטום דאָס הינטישע געביל פון „ישנו עם אחד״: פאַראַן אַן אייציק פאָלק צעזייט און צעשפּרייט אין אַלע מדינות וואָס שטערט דעם שלום די פעלקער פון דער וועלט . . .



יוסף לעפּטוויטש

## פאר שוסטערס און שניידערס א ליד

תובל קין איז געווען אַ שמיד,
ער האָט דער ערשטער געשמידט אַ שווערד.
און יובל איז געווען אַ קלעזמער,
און ער האָט געבויט דאָס ערשטע הויז אויף דער ערד.

חנוך איז געווען אַ שוסטער,
און דער ערשטער שניידער אויך.
דאַנק אים ווען דו האָסט אַ בגד.
דאַנק אים ווען דו האָסט אַ שוך.

ער שוסטערוועט וועלטן צוזאַמען,
ער נייט דעם רוים צונויף,
און יעדער שטאָך איז אַ תפילה,
יעדער שטאף איז צו גאָט אַ רוף.

מתושלח, וואָס האָט געלעבט לאַנגע יאָרן,
איז געווען חנוך׳ס זון,
נאָר חנוך לעבט לענגער ווי מתושלח;
ער לעבט אייביק ווי דער מלאך מטטרון.

ער שוסטערעוועט אין הימל־וועלטן,
ער נעמט דעם רוים צונויף,
און יעדער שטאָך איז אַ תפילה,
יעדער שטאָך איז צו גאָט אַ רוף.

איר טוט אַ הייליקע אַרבעט, שניידערס און שוסטערס,
אַזוי ווי דער מלאך טוט, טוט איר אויך.
אַזוי ווי ער באַקליידט איר די נאַקעטע
און די באָרוועסע באַשוכט איר מיט שיך.

שמואל ווהייט

## אויגן-אפלען

אין טיפן פיין טוט מיין האַרץ זיך צאַפּלען,
איך איינזאַמער וויל מיין גורל לעזן
אין דעם בליק פון דיינע אויגן־אַפּלען.

טעג לאַנגע, נעכט פינסטערע —
שוואַרצע נאָך פיל לענגער,
פיל איך מיר ווערט אַלץ ענגער.

אין דעם פינטל פון דיין בליק
דאָרטהענגט מיין גאַנץ לעבנסגליק . . .

דוד בערמאַן

## מיינע צוויי חדשים אין ישראל

אין אויגוסט, 1968, בין איך אָפּגעפלויגן מיט אַן עראָפּלאַן פון אל־על קיין לוד אין מדינת־ישראל. מיין פריינט, יהודה מאיר, האָט מיך דאָרט אָפּגעוואַרט און גענומען מיט אַן אויטא, מיט וועלכן מיר זענען געפאָרן אין קבוץ בית־העמק אַריין אין גליל, נישט ווייט פון לבנון.

אינם קבוץ בין איך איינגעשטאַנען אין זעלבן הויז, אין וועלכן איך האָב געוואוינט אַמאָל פון יאָר 1953 ביז יאַנואַר, 1956.

צומאָרגנס נאָך מיין אָנקומען האָב איך שוין געקענט באַוואונדערן דעם נייעם חדר־האוכל, אַזוי גרויס און באַקוועם איז ער געווען. בשעת מיין פריערדיקן אויפענהאַלט אין קבוץ, אין יאָר 1953, פלעגט מען נאָך אָנוואַרע־מען אַלע מאכלים אויף קליינע פּאַראַפין־אויוועלעך. איצט אָבער איז תמיד דאָס עסן געווען גוט געקאָכט און זער געשמאַק.

אויך די פאַרשידענע בנינים צום וואוינען פאַר די חברים זענען געווען אַסך בעסער, מיט שפּריץ־בעדער און טואלעטן־צימערלעך. מען האָט אויפ־געבויט צוויי נייע שולעס פאַר די הונדערט און צוואַנציק קינדער אין קבוץ.

דעם 9־טן סעפּטעמבער איז דער באַרנמוטה קריקעט־קלוב געקומען צוגאַסט און צו שפּילן מיט אַ מאַנשאַפט פון קבוץ גופא ווי אויך מיט אַ מאַנ־שאַפט פון חיפה. נאַטירלעך האָב איך מיטגעהאָלפן צוגרייטן דאָס אָרט פאַר דער שפּיל. די געסט האָבן געוואונען דעם מעטש, אָבער בלויז מיט אַ קליינעם צאָל.

אַ טאָג שפּעטער בין איך מיר געגאַנגען שפּאַצירן איינער אַליין איבער דעם געביט פון בית־העמק. צוגעקומען צום בערגעלע, וואו אין יאָר 1953 איך האָב געפּאַשעט אַן ערך הונדערט שאָף. איצט האָב איך שוין דאָרטן נישט געפונען אפילו קיין איין שאָף. דער ענין לוינט זיך מער נישט.

איצט פאַרנעמט מען זיך דאָרט מיט פּירות. גאַנצע פיר הונדערט דונאַם באָדן האָט מען אָפּגעגעבן פאַר אָראַנזשן, הונדערט פינף און אַכציק דונאַם פאַר אַוואָקאַדאָ־באַרנעס, דריי הונדערט און פופצן דונאַם פאַר באַנאַנעס און צוויי הונדערט פאַר איילבירטן. סך־הכל באַזיצט דער קבוץ דריי טויזענט זעקס הונדערט דונאַם לאַנד. אַסך באַוול וואַקסט אויך דאָרט אויף די פעלדער פון בית־העמק.

אינם קבוץ געפינען זיך איצט הונדערט פיר און פערציק חברים. איר געפינט דאָרט גאַנצע הונדערט און זעכציק קי און פיל הינער, פון וועלכע מען באַקומט אַן ערך אַ מיליאָן אייער איבערן יאָר.

אַ פּאָר טאָג שפּעטער האָב איך גענומען מיך באַטייליגן אין דער אַרבעט אין קבוץ. האָב מיך פאַרנומען מיט גערטנעריי. דער גאָרטן אַליין ליגט ביי אַ שיינעם טייך, וואו נאָך דער אַרבעט און אויך שבת די חברים שווימען אַרום און ליגן אויפן גראָז אין דער זון.



דערנעבן געפינט זיך דער קבוץ ־מוזעאום. דאָרט קאָנט איר זען די כלערליי זאַכן, וואָס מען האָט געפונען ביי אויסגראָבונגען אין שייכות מיטן קבוץ; זאַכן, וועלכע שטאַמען פון דער שטיינאַלטער צייט ביז ביזאַנץ צייט.

איך האָב פאַר די חברים אָפּגעראַמט אַ שיינעם וועג פונם טייך צום מוזעאום. היות די חברים האָבן געפּלאַנט אָפּצוהאַלטן אַ טעניס־טורנאַמענט, האָבן זיי מיך געבעטן העלפן אָפּצורייניקן די ווילדע קרייטעכצער און אומנוצלעכע געוויקסן אַרום דעם טעניס־פּלאַץ. דער סוף איז געווען זיי האָבן געהאַט אַן אינטערעסאַנטע שפּיל, און חבר פרעדי בליץ איז אַרויס דער זיגער. זיין פּרייז איז געווען אַ קליינער בעכער.

ווייטער האָב איך געאַרבעט אין די פיר גני־ילדים. דאָ אין קבוץ בית־העמק שלאָפן די קינדער ביי די עלטערן און נישט באַזונדער אין הייזער בלויז פאַר קינדער. בחורות פאַרנעמען זיך מיט די קינדער בייטאָג און אין אָוונט גייען זיי צוריק צו די עלטערן. עס איז מיר דעריבער אויס־געקומען צו זען ווי די קליינינקע פאַרברייגנען אין די גני־ילדים. צו מיין אָנגענמער איבעראַשונג בין איך געוואָרן זער פּאָפּולער ביי אָט די קינדער.

(המשך קומענדיקן חודש)

א. נ. שטענצל

## מיינע זיבן וואכן אין געפענקעניש

אויפן האַלבע־שעה־שפּאַציר אינם תפיסה־הויף אין מאאביטער געפענ־קעניש, וואו מיר זענען געגאַנגען צו צוויי און צוויי, אויספאָרמענדיק אַ גרויס גייענדיק ראָד, כמעט אויספילנדיק דעם גאַנצן גרויסן הויף — אַן אַרומגערינגעלטער מיט הויכע מרה־שחורהדיקע דיקע מויערן, קוקנדיק אויף אונז מיט טויזנט בייזע, פינסטערע אויגן, פאַרמרוזשעטע מיט די געקראַטעוועט פאַרזשאַווערטע פענסטערלעך — באַוואַכטע פון געהעצטע תפיסה־שומרים און פון זעלנער מיט ביקסן ביי די טויערן, האָב איך אַ דערפרייטער דערזען אשמילען. ער האָט דאָך מיך אויך געמוזט דערזעען, אָבער ער האָט, מש־מעות, זיך געמאַכט כלא־ידע, קיין בליק אפילו מיר נישט צוגעוואָרפן. יעדעס מאָל, ווען ער איז אין דעם שטום־גייענדיקן ראָד, צוגעקומען וויז־אַ־ווי מיר, האָב איך מיך פּשוט געמוזט איינהאַלטן נישט אַרויסצושפּרינגען פון מיין שורה און צולויפן צו אים, האָט ער באותה רגע דעם קאָפּ קונציק שנעל אַ דריי־אַוועק געגעבן ווי אומבאַמערקט. אין דעם זיבן־אַכט מאָל אַרומקרייזן דעם גרויסן תפיסה־הויף, ווי צו הקפות, להבדיל — אינמיטן איז געשטאַנען דער אויבער־וואַכטמייסטער, אַז מיר זאָלן זיך נישט צווואַרפן אַ וואָרט איינער דער אַנדערן אָדער זיך טיילן מיט אַ ציגאַרטל, חלילה — בין איך יעדעס מאָל געווען אין נסיון נישט אויסצושרייען: „אשמיל, ביסטו משוגע געוואָרן ?“

אַריינטרייבנדיק אונז צוריק אין די הונדערטער צעלן דורך דעם גרויסן, דורך אַלע שטאָקן חלל־הויכן קאָרידאָר — אַן עכאָ־צעהילכטער און שטיגן

און שליסלען צעקלינגטער, אַ צערודערט־צעטומעלטער פון די ווילדע וואויל-יונגערישע אויסגעשרייען און געלעכטערס פון די געפאנגענע און געשרייען און זידל־ווערטער פון די וועכטערס — האָט עס מיר געהילכט אין קאָפּ עפּעס איז דאָ דברים־בגו, עפּעס ווייסט ער, מסתם, אשמיל . . . געמוזט אויפכאַפּן וואָס ביים פאַרהער . . . איז טאַקע בעסער מיט מיר נישט צו האָבן צו טון. קיין שום שייכות צו מיר . . . נישט מיטאַריינגעצויגן צו ווערן אין מאָרד־פּראָצעס . . . און אפילו ווען ער לעבט „מיין שותף“, קאָן עס אויגעצויגן ווערן צו אַ „רויטן־פּראנט“ עסק . . .

דעם צווייטן טאָג אויפן „שפּאַציר“ האָט ער אַזוי אויסגעמאַרקירט, אַז ער זאָל זיין אין דער שורה אין מיין זייט. איך, אים דערזעענדיק הארט אין מיין זייט, בין שוין געווען גרייט אים אַרומצוכאַפּן און אויסצושרייען: „אשמיל!“ האָב איך אריינגעכאַפּט אַ טראָט פון זיין פוס, אַז לשון איז מיר פאַרגאַנגען. דאָ האָט ער זיך אָבער שוין אַליין נישט געקענט מער איינהאַלטן און אַרויסגעשעפּטשעט מיט אַ שטייף־קוקנדיקן בליק — אָבער מיט איין אויג: „חכימא ברמיזא, שטיא בגרמיזא“ . . .

אָבער וויפיל איך האָב איצט שוין פאַרשטאַנען . . . האָב איך באַלד אַריינגעכאַפּט נאָך אַ בריקע אין פוס אַריין, אַ ווייכערע, אַזוי צו זאָגן, ווי אַ קאבילע טוט דאָס טיילמאָל צו איר פאַרשייטן זשרעבאק . . . אָבער תיכף כדי דבר האָב איך דערפילט ווי ער שטופּט מיר עפּעס פּיטשעדיקס, גלאַטיקס, עפּעס גאָר פיינשיקס און צארטס אין די פינגער אַריין . . . כ׳האָב׳ס באַלד דערפילט: ס׳שטיקל אויסגעשיילטע בליי פון אַ בליישטיפטל, דאָס טשערפּקע האָלץ אַראָפּגעברעקלט, אַראָפּגעדלובעט און דאָס גלאַטע, צאַרטע שטיקל בליי — — איך האַלט׳ס אין דער האַנט, ס׳עלעקטריזירט מיך ממש, איך גלעט׳ס מיט די פינגער. איך האַלט מיך איין מיט כל־הכחות, אַז די פרייד זאָל נישט אַרויסשיסן פון מיר: כ׳פאַרבייס ציטערדיק די ליפּן, די פיס נעמען זיך באַוועגן ריטמיש, נישט אין אַ געפּענקעניש שפּאַציר־ראָד — אין אַ קאראהאד! נישט היוכע מויערן זענען אַרומגערינגלט אַרום מער, פאַרקראַטעטע פענסטערלעך קוקן נישט מער מרה־שחורהדיק־פאַרזשאווערט — זיי זענען איינגעפאַלן ווי די יריחו־מויערן! . . .

און אַזוי ריטמיש־שפּאַנענדיק, קוקנדיק פאָרויס, הייב איך אָן צו פאַרשטיין: אַשמיל האָט פאַרשטאַנען, אַז מיין בליישטיפל האָט מען מיר צוגענומען ביי דער אונטערזוכונג . . . כ׳זאָל זיין אַזוי קלוג, אַז כ׳זאָל דאָס שטיקל בליי, וואָס איז דאָך דער סאַמע עיקר־העיקר! — אויסשיילן פונם האָלץ, און אַזאַ פּיצעלע קאָן מען דאָך שוין ווי נישט באַהאַלטן, אין אַ נאט פון אַ הויז פאַרשטעקן — — האָט ער מיך דאָך שוין געקענט וואָסער גרויסער חכם איך בין . . .

קוים מיך אַריינגעראַטעוועט אין מיין צעל און געקענט אויספּלאַצן אין מיין גאַנצער פרייד — כ׳האָב מיך דערפילט אין מיין רשות־היחיד, וואו איך קאָן דאָס פּיצעלע, ס׳ציטערדיקע צווישן מיינע פינגער אויך באַטאַפּן מיט די אויגן.



* * *

די צוויי טעג, איינער אַליין אין מיין צעל, ביזן באַקומען דאָס פּיצעלע בליישטיפט, זענען געווען שרעקלעכע. באַלד די ערשטע פּאָר שעה, אַן איינגעשלאָסענער אין אַ טונקל צימערל, אַ העלפט פון ד׳ עד ד׳, וואָס האָט צומאָל קיין פּלאַץ נישט פאַר דיין אייגענעם שאָטן אויף דער וואַנט. די זשאַווערפאַרזשמורעטע קראטן, די געל־אייליקע גלאַנציקע ווענט ווי זיי וואָלטן כסדר אויף דיר געקוקט מיט זייער געלקייט, דיך אַרומגעכאַפּט, אַרומגעטאַפּט, מיט קרענקלעכע אויגן־אַפּלען — —

דערשפּירנדיק מיטאַמאָל די ענגקייט, די איינגעשלאָסנקייט, דאָס זיין איינער אַליין הינטער שלאָס און ריגל, בין איך ממש באַפאַלן געוואָרן פון אַ משוגעת און אָנגעהויבן ווילד צו קלאַפּן אין דער אייזערנער טיר.

דער וועכטער, ווי ער וואָלט ממש געוואַרט שוין אויף דער מאָמענט, ווי ע ר וואָלט געשטאַנען דירעקט הינטער דער שווער־געקאוועטער טיר, האָט זי מיט רעש אַ ריס־אויף געגעבן און מיך געגעבן אַ וואַרף, אַז איך בין צוגעפאַלן מיטן קאָפּ צו דער וואַנט און בין שוין אַזוי ליגן געבליבן אַ האַלב צעמישטער.

אויפגעכאַפּט האָב איך מיך פונם טיר־שליסן און פון קלאַנג פון די שליסלען. ביי דער אָפענער טיר שטייט דער וועכטער און שמייכלט מיט סאַדיסטישער הנאה פון זיין „קור“ — אַזאַ וואַרף מיטן קאָפּ צו דער וואַנט ניכטערע אויס פון „משוגעת“! (אַפּנים אַזאַ אָנגענומען מיטל ביי אים . . . ) און אַן אַרעסטאנט אָנגעטון אין געשטרייפטע תפיסה־בגדים, דאָס געפּענקעניש־היטעלע וואוילעריש אויפן קאָפּ, שטעלע אַנידער אויפן טישל אַ טאָפּ שוואַרצע „קאַווע“, א לחמא ראַזאַוואנע ברויט מיט אַ האַלבן דאַרן הערינג. מיך דערזעענדיק אין מיין צושטאַנד, דעם מאָדנעם „נאוואבאראניעץ“, אַן אקארט אויפגעשטאַנענעם פון זיין „קור“, האָט מיר קאלעגיאל צוגערופן, מיך אויפצוהייטערן אפּנים:

„יעזוס זאָגטע צו זיינע יינגער,
ווער ס׳האָט קיין גאבל, פריסט מיט די פינגער“.

ס׳איז שוין געווען אָוונט, מסתם. דאָס קליינע עלעקטרישע לעמפּל הויך — אויפן געלן סופיט האָט זיך קרענקלעך אָנגעצונדן. הונגעריק בין איך געווען, האָב איך געצופּט דאָס שוואַרצע ברויט און נאָכן טרוקענעם, געזאַלצענעם הערינג גיך פאַרטרונקען דאָס ציקאריע־וואַסער און אָנגעהויבן באַקוקן מיין מקום־מקלט און דערזע אויף דער פּאָליצע אין ווינקל שטייט אַ בוך— ס׳איז געווען „דאָס אַלטע און נייע טעסטאַמענט“, לוטערס ביבל־איבערזעצונג.

די דייטשע בוכשטאַבן האָב איך שוין געקענט, די חומש־פּסוקים זענען מיר געלעגן אין מויל און ס׳האָט זיך געלייענט — די ליפּן האָבן געשעפּטשעט די דייטשע ווערטער און פאַר די אויגן זענען מיר געשטאַנען די היימישע חומש־פּסוקים, און אָנגעהויבן ווי צו פילן, אַז כ׳בין נישט מער אַליין —

„ורוח אלקים מרחפת על־פני המים“. איך קוק מיך אַרום און זע: מיין שאָקלענדיקער שאָטן באַוועגט זיך איבער אַלע פיר געל־גלאַנצנדיקע ווענט ביז צום פיבעריק־ברענענדיקן לעמפּל אַרויף . . . אָבער איידער כ׳האָב מיך נאָך דערוואַרעמט, גיט עס אַ באַפעלערישן קלאַפּ אין טיר: „שלאָפן!“ פון דער וואַנט האָט זיך געעפנט מיט אַ טראַסק אַ קויקע, אַ מין שלאָף־באַנק און ס׳עלעטרישע לעמפּל איז אויסגעגאַנגען.

פינסטער, די גליטשיקע ווענט נעמען מיך מגואלדיק־גרויליק אַרום. מיך שוידערט: ווער ווייסט וואָסער רוצחים זענען אויף דער קויקע דאָ שוין געשלאָפן. כ׳שפּיר ווי כ׳ווער ווידער באַפאַלן פונם „משוגעת“ צוצולויפן ווי אַ ווילדער צו דער טיר און קלאַפּן און געוואַלדעווען — —

פלוצלינג ווערט אַ מוראדיקע סומאַטאַכע דרויסן. געשרייען, אַ קלינגען מיט שליסלען, אַ לויפן פון אַלע זייטן — ס׳באַרואיקט מיך און ס׳ווערט שטיל אין מיר.

כ׳ליג מיט אויפגעריסענע אויגן, אָנגעשטרענגטן געהער ביז דער דרויסן ווערט איינגעשטילט. אָבער מיטאַמאָל, נישט פון דער זייט וואו די געקאַוועטע טיר איז, נאָר פון דער הויך וואו דאָס קראַטע־פענסטערל איז, הערט זיך אַ סומנע רוישן — שטייט דאָך דאָס געפענקעניש אינמיטן דער שטאָט. כ׳דערמאָן מיך, אַז טאַקע דאָ נישט ווייט, אין מאַאַביט־פירטל, וואוינט דוד בערגלסאָן. מיין לעצטער באַזוך ביי אים שטייט מיר פאַר די אויגן:

דאָס דינסטמיידל קומט אַריין: „איין הערר לעווין האָט זיך געמעלדעט“.

בערגלסאָן, אָן אַ וואָרט צו רעדן, זוכט עפּעס אויפן טיש. נעמט אַ דיקן מאַנוסקריפּט און גיט עס דעם מיידל — כ׳דערקען ס׳איז „די לעגענדע“, וואָס שמואל האָט מיר פאָרגעלייענט, פאַרשאַרצנדיק זיך דערביי די אַרבל ווי צו אַ הייליקער עבודה: „כ׳וויל אייך עפּעס פאָרלייענען פון מיין ,שאַפן׳, מטעים זייענדיק מיט אַ מין פיזישע הנאה דאָס וואָרט „שאַפן“.

„וואָס זאָל איך דעם הערר זאָגן?“

„ניקס!“ קומט דאָס וואָרט אַרויס ווי אָפּגעשניטן מיט אַ קניפּל־מעסערל.

כ׳שטעל מיר פאָר שמואל לעווינען דרויסן אין זיין גאַנצער צוגעגלעטער, קינסטלערישער טראַכט ווי ער בלייבט שטיין, דער „שעפערישער“ שריפטשטעלער הינטער דער פאַרקלאַפּטער טיר פונם דינסטמיידל: נישט אַריבערצולאָזן צומאל איבער דער שוועל, אָן אַ וואָרט צומאָל דורכן דינסטמיידל . . . איך זע זיינע אויסגעשטערבעטע, געלאַמעוועטע אויגן, זיינע פאַרקרומטצעביסענע ליפּן.

איך קוק אָן בערגלסאָנען, פרוי בערגעלסאָן קוקט אונז ביידע אָן: „אַזוי איז ער שוין, מיין דוד. כאָטש האַק און בראַק“.

און ער, בערגלסאָן, ווי ער וואָלט אויף זיך אַליין געבייזערט, באַוועגט שווער זיין אַראָפּהענגעדיקע, שווערע ליפּ: „אין רחמים בדין!“

„זאָל ער זיך אויסשרייען, וועט אים בעסער ווערן“ . . .

מיך צוהערנדיק צו דעם שומען און רוישן פון דרויסן קומט די שטאָט



אַלץ נענטער־צו. איין בילד יאָגט דאָס צווייטע אָן און איינס מעקט ס׳אַנדער אָפּ. און דער קליינער רוים ווערט אויפגעלייזט אין אַן אומענדלעכער פינסטערניש, אַ גליטשיק זיך טאַפּנדיקע ביי די קאַלטע ווענט. פאַר מיינע אויגן אָבער שטייט אַלץ שמואל לעווין ווי ער שטייט פאַר דער טיר און דאָס דייטשע דינסטמיידל גיט אים, אָן אַ וואָרט דערביי צו זאָגן, צוריק זיין מאַנוסקריפּט און פאַרקלאַפּט אים די טיר דירעקט פאַר דער נאָז.

ער, שמואל לעווין, דרויסן פאַר דער צוגעהאַקטער טיר, טראַכט איך, און איך אינעווייניק אונטער שלאָס און ריגל — „אין רחמים בדין“ . . .

די גאַנצע נאַכט האָב איך קיין אויג נישט צוגעמאַכט, נאָר אין דער אייזערנער טיר האָט זיך איינינקע מאָל אַ לאַך ווי אַן אויג אָן עפן געטון און אַ שאַרפער ליכט־שטראַל האָט אָן רחמים די אומענדלעכע פינסטערניש, בלוטלאָז אַדורכגעשניטן.

איז עס באמת געווען אַ נס, אַז איך האָב באַמערקט באַלד אין דער ערשטער נאַכט, אַז ס׳איז פאַראַן דאָ אַ רואה ואינו נראה; אַז יעדע רגע קאָן זיך אַן עפן טון דאָס אויג אין דער טיר און דאָס עין רואה זעט אַלצדינג וואָס מען טוט: מ׳איז קיין איין רגע נישט מיט זיך אַליין, ווי גרויזאַם!

יעצט, צוריק אַריינקומענדיק אין מיין צעל דעם דריטן טאָג נאָכן „שפּאַציר“ איז מיין ערשטער בליק געווען צום וואַסער־קרוג — מאלע וואָס כ׳האָב מיט וואָס צו שרייבן, מ׳מוז אויך האָבן אויף וואָס צו שרייבן! — צי ס׳איז דאָרטן עפּעס געבליבן פון די „אשר־יצרלעך“, וואָס מ׳גיט יעדן פרימאָרגן אַריין צוזאַם מיטן קרוג־וואַסער. מיין פרייד, מיט וועלכער כ׳בין אַריין אין דער צעל, האָט זיך צוגעשפּיצט צו אַן אַשמיליש־שדיש שפּיציק אויפלאַכן: נישט בחינם, משמעות, הייסט עס „אשר־יצר פּאַפּיר“ — יעצט קאָן איך מיך אַנידערזעצן „שאַפן“ —

און פון פערטן טאָג אָן איז שוין מיין טאָג געווען איינגעטיילט צווישן די לוטער־ביבל און מיינע סודות־פאַרבאָרגענע שרייב־אינטעניליען. ווען כ׳האָב געלייענט בין איך געזעסן מיטן פּנים צו דער טיר — זאָל טאַקע דאָס רואה ואינו נראה־אויג זעען ווי דער „באָלשעוויק“ איז עוסק יומם ולילה אין הייליקן טעסטאַמענט. ווי נאָר אָבער כ׳האָב דערשפּירט, אַז עפּעס קומט פאָר אין מיר, ווי ס׳אַרבעט אין מיר, ווי עפּעס „שאַפט“ זיך אין מיר, האָב איך נאָך שנעל געזדאַנזשעט דאָס בענקל אויסצודרייען — אזאשא! וועט מען דאָס פּיצעלע בליי פון מיר אַרויסקריגן.

מאָדנע, הונדערטער לידער פאַרעפנטלעך און דווקא אַזאַ תפיסה־לידל איז אָפּגעדרוקט צענדליקער יאָר שפּעטער אין רומעניע אין אַן אַנטאָלאָגיע מיט לאַטייניש אותיות. ווי סימבאָליש. ווי האָט דאָס לעבן זיין סודותדיקן גאַנג.

* * *

אַן אויסגעדלוביעט, אַן אויסגעקאַלופּעט פּיצעלע בליי און גאַנצע תפיסה אַרום מיט די הויכע שווערע מויערן אַרום, מיט די אייזערנע טירן און קראַטן, פאַרשווינדן, הערן אויף — מ׳איז באַפרייט; מ׳איז אין אייגענעם רשות —

מ׳„זיצט“ נישט, מ׳איז באַזעסן! — מ׳איז לפני ולפנים פון אייגענעם איך. מיט דעם פּיצינקעלע קומט אַ סדר אַריין אין גערעאַנגל פון יעדער רגע.

און דאָס אויסערלעכע, ווי איז עס געאָרדנט — ס׳איז „מלאכתו נעשה על־ידי אחרים“: די „מאָלצייטן“ צו דער מינוט, די „שפּאַציר־גענג“ אויפן זייגער און דאָס גיין יעדע נאַכט צו בעט און אין באַגינען דאָס אויפשטיין — קיין רגע גייט נישט פאַרלויערן.

אין איינעם אַ טאָג רופט מען מיך אַראָפּ אויף אַ „זעאונג“ — מאַקס בראָנשטיין (מרדכי ארדון) שטייט אויף יענער זייט באַריערע: די אייגעלעך שווישטשען אים, די ליפּן ציטערן מיט טויזנט שמייכלען — ער זעט דאָך, אַז איך בין פריי, פרייד־באַלעבט; אַזוי זעט אויס אַ מענטש ווען מ׳רייסט אים דרינגענדיק אַוועק פון דער אַרבעט, אינמיטן „שאַפן“ — איך שפּרייז אַריבער די באַריערע ווי זי וואָלט דאָ גאָרנישט עגזיסטירט! איך שפּרינג אַריבער די באַריקאַדע, ווי קיין תפיסה־שומר, וואָלט דאָ נישע געווען . . . ער שטייט און קוקט זיך באַגייסטערט צו, ווי מיר ציטערןביידע ברידערלעך און פריידיק איינער אין צווייטנס אַרעמס. ביים געזעגענען זיך האָב איך אים געבעטן צו גריסן שמואל לעווינען.

צומאָרגנס קומט צוגיין גוסטע. אַ גאַנצער קויבער טראָגט זי פון פויגל־מילך ביז מאַרציפּאַנעס. דער שומר באַוואַכט אונזער „זעאונג“. ער זעט ווי איך בלייב שטיין פאַר דער פאַרצוימונג, גיט ער ווינקענדיק אַ מאַך אויף תפיסה־לשון . . . ווי איינער זאָגט: וואָס באַלעמוטשעסטו, כאַפּ אַריין וואָס דו קענסט — איך פאַרמאַך אַן אויג! זע נאָר וואָסער פרוילײן און וואָסער קאַרב . . .

יאָ, אין מיין נישט־אַריבערשפּרינגען וויפיל פרייהייט, וויפיל גייסטיקע באַפרייאונג! ווי קאָן אַזאַ שפּרונג עלול זיין צו פאַרפלאָנטערניש, צו פאַלשע פאַרבינדונגען מיט אַ שלייף און מיט אַ קניפּ.

ווי האָב איך מיך געהיטן צו גיין אויף פּלעצער. — צו לעווינען, צו מאַקסן —מורא האָבנדיק זי דאָרטן צו טרעפן. און יעצט שטייט זי פאַר דיר לייב־האַפטיק . . . איר בלוי־פאַרנעפּלטער בליק קוקט אויף מיר מיט אַזויפיל זאָרג און גוטסקייט . . . דער ווייסער שרינט אין אירע בלאָנדע האָר זע איך ווי ר׳איז זאַרגפעלטיק געצויגן עקסטרע פאַר מיר: זי וועט בעטן איר פאָטער, ער זאָל צושיקן זיין אַדוואָקאַט . . . און „אפשר אויף קויציע“ . . .

„די זאַך איז צו פאַרפלאָנטערט“ . . . לאָז איך אַראָפּ מיין בליק — זי פאַרשטייט וועלכע זאַך . . .

קאָן דען אַ טרער כורכבויערן דאָס פאַרשטיין פון אַ האַרץ? גיי איך טרויעריק צוריק אין מיין צעל.

ס׳איז שוין די זיבעטע וואָך ווי איך זיץ. כ׳האָב שוין אַ דערלויבעניש צו קויפן פּאַפּיר אין דער תפיסה־קאַנטין און בליישטיפטן וויפיל נאָר איך וויל, און אין דער געפענקעניש־ביבליאָטעק זענען אויך פאַראַן יידישע ביכער. וואָס נאָך קאָן אַ מענטש ווילן? אָבער דאָך, אַזאַ „געשלאָסן“ לעבן האָט אויך



זיינע סיורפּריזן . . .

איך קום אַרונטער צו מיין טעגלעכן שפּאַציר־גאַנג, וואָס זע איך? וועם זע איך? וואוטשען! וויעוויארקען!!

וואָס איז? ער איז, משמעות, געקומען קיין בערלין און זיך דערוואוסט, אַז אין דער און דער שעה קאָן ער מיך טרעפן דאָ און דאָ אויף מיין רעגל־מעסיקן שפּאַציר־גאַנג . . . איז ער אַהערגעקומען מיך אָפּוואַרטן, מיך איבער־ראַשן . . .

איז אַנשטאָט מיך אַריינצושטעלן אין דעם זיך פאַרמענדיקן ראָד, לויף איך צו אים צו מיט אַ ברייטן שלום־עליכם: „וואוטשע!!“

נו, האָט זיך עפּעס געטון — — ס׳איז געוואָרן אַ טרעוואָגע, אַ געלויף פון די וועכטער, פון די זעלנער מיט די ביקסן, פון די וואַכטמייסטערס. דער תפיסה־דירעקטאָר אַליין איז אַרויסגעקומען צו לויפן. מיין סדר־היום איז צעשטערט געוואָרן. איך האָב שוין דעם טאָג נישט געמאַכט מיין טעגלעכן שפּאַציר־גאַנג. און ווער ווייסט, צי דורך מיין „באַזעסנקייט“ האָבן די הונ־דערטער תפיסה־זיצערס נישט פאַרלוירן אין דעם טאָג זייער האַלבע־שעה שפּאַציר.

. . . אויב מ׳האָט מיך דאָך צוריקאַרויפגעפירט אין מיין צעל, לפני ולפנים פון מיין יחוד־שטיבל, אין מיין אַרבעטס־צימער און נישט אַראָפּ אין קעלער אינם שטראָף־קאַרצער, איז עס געווען אינם זכות פונם גוסטע־קאָרב, וואָס כ׳האָב דאָך געהאַט „שכל“ גענוג איבערצולאָזן דעם וועכטער פאַר אים און פאַר די איבריקע משרתים און יוצר־משרתים?

## אינטימע באלאדע

1

פון זיין חורבה, זיין מפּולת,
אַרויסגעצויגן דער פּאָעט;
בלויז פאַרוואָס אַזוי טרויעריק
אין רחבותדיק־גרוימען „פלעט“?

אויף וואַנט זיין שאָטן גאַנצע טעג
וואַרפט זיך אַ שוואַרצער זעלבסט־פּאָרטרעט,
און אין די נעכט, ווי אַ גוסס,
אַ בר־מינן שוין אין זיין בעט —

2

עס האָט אים קיינער קיין בלימל
אין זיין נייער דירה געברענגט;
אָדער אויף ליידיק־קאַלטער וואַנט
אַ רעמבראַנדט־בילדל אויפגעהענגט.

סעזאַן־קאָפּיע, אַ שאַגאַל כאָטש,
ס׳זאָל ליכטיק ווערן אין זיין שטוב;
און ברענגט מען נישט בלומען
צו אַ מת, וואָס ליגט שוין אין גרוב?

3

אין זיין מפּולת, זיין חורבה,
פול מיט בילדער די ווענט געווען:
אין יעדן פלעק און שטויב־בעשמיר
קאָמפּאָזיציעס גאַנצע געזען.

בלומען אויף שויב גאַנצן ווינטער
און שוועמלעך אויף די ווילגאַטש־ווענט!
בעסער איין ליד אָנגעשריבן
ווי אומשטערבלעך שוין — צוואַנציק בענד.

4

„גלגול מחילות״, „כף־הקלע״ — —
ניין, ס׳זיינען נישט קיין ווערטער בלויז:
ר׳וואַרפט זיך, קייקלט זיך גאַנצע נעכט,
מאַוזאָלעאום אַרום אים — ס׳הויז.

נישט ער חלומט מער, נישט ער שלאָפט,
אַוועקגעפּאַלן און קאַשמאַרט —
מלאך־דומה זאָל אַנקלאָפּן:
„מה שמך?!״ וואַרט ער און האַרט.

5

האַרט ער, וואַרט ער, מלאך דומה,
זיין נאָמען פאַרגעסן מסתם — —
ליגט ער טאַקע אין דער ערד שוין?
ווי באַזעסן — ניע טו ניע טאַם!

מילא, וואָלט ער נאָר געקענט,
מיט האַנט געגעבן ר׳וואָלט אַ מאַך:
אויב דאָס באמת יענע וועלט,
פון דער נישט בעסער ס׳איז קיין סך.

## פאַר מיין פענסטער

איינגעהילט אין ווייסן גאַנץ ליגט די ערד,
מיט שערבעלעך אויף די אויגן;
זון אין שניי — צוקאָפּנס שמעלצנדיק ליכט!
מיט „געקראָ, קראָ!״ אָנגעלויפן



ס׳רייסן זיך איר ווערטער אומגעהייערע,
געריסענע טיף פון האַרצן,
קייגנאיבער אויף דאַך פאַר מיין פענסטער
בלייבט זי שטיין, גאַנצן אין שוואַרצן.

קראָ, קראָ, קראָ, זי וואָלט קריע געריסן —
ווי מעסערס די פליגל בלאַנקען!
און די זיך לעשנדיקע זון אין שניי —
ס׳חלב־ליכט וואָס נעמט שוין צאַנקען.

די צעשפּרייטע, שוואַרצע קראָען־פליגל,
צו פליען זיך אויפגעהויבן — —
ווי ס׳ציטערט שטאַק־פינסטער די גאַנצע נאַכט,
געוויין אין די פענסטער־שויבן.

* * *

דער זון באַלויכטענער קוואַדראַט־פּירעק
פונם פענסטער־ראַמען אויף מיין וואַנט,
און אויס לויטער געוואוינהייט איך האַלט שוין
דאָס געשפּיצט בליישטיפל אין האַנט.

אויף פלאַכן בלאַך־דאַך אַקעגנאיבער,
קייגן זיין טויבעכע טאַנצט אַ טויב,
איז עס דאָך אַ טעמע פאַר אַ לידל,
און פאַרוועבט כ׳ווער צווישן וואַנט און שויב.

בלויז וועט זי געפינען מיין נייע טיר
פון מיין געסל בלאַנקנדיקע קאַץ?
ווי ס׳האָט געקלאַפּט מיין האַרץ ביים דערהערן
פון איר שטיל פּיסל אין טיר דעם קראַץ.

מיין געסל איז אויף דער ערד נישטאָ מער,
באַפליגלטע טויב איז אַלץ אימשטאַנד — —
בלויז בלאַנקענדיק קעצל פון מיין געסל?
פאַלט בליישטיפטל אַרויס מיר פון האַנט.

* * *

זון־פלעק־רגע —רעפלעקס פענסטער אויף וואַנט,
צי קאָן מען דער מיטן אויג פעסט האַלטן?
ליכטיקער געדאַנק, וואָס לויפט פלינק אַוועק
פון פינסטער־צעקנייטשטע שטערן־פאַלטן.

אין זיבעטער אַנגסט שוין וויקל איך מיך,
רוקן אויף בעט, אַ קוקן אויף באַלטן:

„אם אלף שנים כי יחיה" — און אַז
נאָך אַ קאַלטן ווינטער שוין אויסהאַלטן?

. . . אַז ווי שליאַד דרויסן אין שניי אַלץ וואָס כ'שרייב
פון טריט צעטראָטן, צערונען ווערן — —
אָבער צי האָט שוין ווער אויסגעפונען
די שפורן פון צערינענע טרערן?

ווי קונציק־צעקנאָספּעט יעדעס שנייעלע,
אויף אַ הימל — אנציילקע שטערן!
אָבער אין בלאָטע, אונטער שווערן שטיוול,
מוז עס דערשטיקט און פאַרלאָשן ווערן.

## אַן „עד־דלא־ידע" אזא

מיט חברה שפּירט־טרינקערס אויף גאָרטן־באַנק,
ווי ס'וואָלט זיך אַצינד בעסער געזעסן:
ס'לינעדיק פון מויל צו מויל גייט ס'פלעשל,
און אין גאָרער גאַנצער וועלט פאַרגעסן.

פון גאָרגל צו גאָרגל גייט שלינג נאָך שלינג,
אַ געזאַנג צו זון? צו שניי? צו רעגן?
אין אַ וועלט וואָס איז אַ כראַקע נישט ווערט,
ברידערלעך אין אָרעמס זיך געלעגן.

יוסף לעפּטוויטש

## לייב פיינבערג ע"ה

ניט לאַנג האָט לייב פיינבערג געהאַלטן זיין פּאָסטן ווי דער פּרעזידענט פון יידישן פּען־קלוב, וואָס ער האָט געירשנט פון גלאַנץ־לעיעלעס. לעיעלעס האָט אָפּגעגעבן צו דעם פּאָסטן אַ סך יאָרן, און מיט צוויי יאָר צוריק האָט ער באַשלאָסן, ווי ער האָט מיר דעמאָלט געשריבן, אויסטאָן די טאָגא פון פּרעזידענטשאַפט. לייב פיינבערג איז דער נייער פּרעזידענט. מען האָט מיר געגעבן דעם טיטול פון ערן־פּרעזידענט. עס איז צייט צו טאָן עפּעס פאַר זיך. איך גרייט צו אַ נייע לידער־זאַמלונג מיינע. איר זעט, איך וויל דעריאָגן די פאַרלוירענע צייט.

עס איז אים ניט געווען באַשערט צו דעריאָגן די צייט. דער נייער פּרעזידענט, לייב פיינבערג, האָט מיר מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער געשריבן אַז לייעלעס ליגט קראַנק, און „מיר אַלע בעטן אַז ער זאָל זיך אַרויסרייסן פון זיין צרות". אָבער דער 30טן דעצעמבער, 1966 איז לעיעלעס געשטאָרבן אין עלטער פון 77 יאָר.

לייב פיינבערג האָט מיר דעמאָלט געשריבן: „איך בין איבער פערציק יאָר געווען זייער שטאַרק צוגעבונדן צו גלאַנץ־לעיעלעס. ער איז מיר געווען אַ רבי, אַ חבר און אַ גוטער מענטש".

ווי דער שטענדיקער פאַרטרעטער פון יידישן פּען־קלוב אין עקזעקוטיוו פון אינטערנאַציאָנאַלן פּען־קלוב האָב איך יאָרנלאַנג געאַרבעט נאָענט צוזאַמען מיט דעם פּרעזידענט, וואָס לעיעלעס איז געווען פיל יאָרן, און דאַן מיט לייב פיינבערג, וואָס איז אויך אַ לאַנגע צייט געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט מיר, ווי דער סעקרעטאַר פון יידישן פּען. און דאַן, אין 1962, איז לייב פיינבערג געוואָרן אָנפאַרטרויט מיט אַ ספּעציעלער אַרבעט, ווי דער „אינטערנאַציאָנאַלער סעקרעטאַר" צו פאַררופן אַ וועלט־צוזאַמענפאָר פון יידישער שרייבער, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען אין האַרבסט 1963. אין די פאָרבאַרייטונגען האָבן זיך אָנגעשלאָסן דער פּרץ שרייבער פאַראיין אין ניו־יאָרק, דער נאָמבערג פאַראיין אין בוענאָס איירעס, יידישער ליטעראַטן פאַראיין תל אביב, די שרייבער פאַראיינען אין מאָנטרעאַל, אין מעקסיקאָ, אין פּאַריז, אין לאָנדאָן, אין בראַזיל, אין אויסטראַליען, אין דרום אפריקא. לייב פיינבערג האָט אַריינגעלייגט אַ סך אַרבעט אין דער פּראָיעקט, אָבער פון דעם צוזאַמענפאָר איז ניט געוואָרן.

מיר האָבן זיך אָפט דורכגעשריבן וועגן פּען־ענינים, סיי ווען ער איז געווען סעקרעטאַר און ווען ער איז געוואָרן דער פּרעזידענט. מיר האָבן זיך אָפט געטראָפן ווען איך בין געווען אין ניו־יאָרק אין 1966 און 1967. און ווען ער איז געפאָרן אין 1968 קיין ישראל, און האָט זיך באַטייליקט אין דעם צוזאַמענפאָר פון יידישער שרייבער און זשורנאַליסטן, האָט ער געפּלאַנט אויפן וועג צוריק צו בלייבן עטלעכע טעג אין לאָנדאָן און פּאַריז. „איך האָב שטאַרק געוואָלט", האָט ער מיר געשריבן. „אָבער די רייזע קיין ישראל און איבער ישראל האָט מיך אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז איך האָב ניט געקענט פאָרן נישט קיין לאָנדאָן, נינשט קיין פּאַריז. אַ שאָד, ליבער לעפּטוויטש, וואָס ס'האָט זיך נישט איינגעגעבן זיך צו זען מיט אייך אין לאָנדאָן. אפשר קלייבט איר זיך ווידער צו קומען קיין ניו־יאָרק. וועלן מיר זיך זען". דאַן האָט ער מיר געשריבן וועגן דעם גרויסן גלאַנץ־לעיעלעס בוך (כמעט 600 זייטן), אַן אָפּקלייב פון זיינע אַרבעטן, וואָס איז אַרויס אין ניו־יאָרק סוף 1968. „איך גלויב", האָט ער מיר געשריבן, „אַז דאָס בוך וועט זיין אַ ווירדיקע מציבה אויף דעם קבר". „וועגן מיין געזונט־צושטאַנד", האָט ער צוגעגעבן, „קען איך אייך מעלדן, אַז עס וואָלט געמעגט זיין בעסער, אָבער עס איז נישט".

דאָס לעיעלעס בוך ליגט מיר איצט אויפן טיש. פיינבערג האָט דאָרט דעם אַריינפיר „אין דעם בוך", שרייבט ער, „האָבן מיר געמאַכט אַן אָפּקלייב פון דעם גאַנצן רייכן אוצר פון לעיעלעס'ס ווערק, וואָס וועלן בלי־ספק בלייבן אַ זכר פאַר די ווייטערדיקע דורות".

איך האָב זיך באַקענט מיט לייב פיינבערג אין 1938, מיט אַרום 30 יאָר צוריק, ווען ער האָט מיר געשריבן וועגן מיין ענגלישע אַנטאָלאָגיע פון דער יידישער פּאָעזיע. איך האָב אים געשיקט מיינע איבערזעצונגען פון עטלעכע לידער זיינע וואָס זענען אַריין אין בוך. ער האָט מיר געשריבן אַז זיי געפעלן אים. „אויסגעצייכנט. ס'קומט אייך אַ גרויסן נאַשער־קויעך פאַר אייער

גוטע אַרבעט". ער האָט דעמאָלט געשריבן מיטן סאָוויעטישן אויסלייג, און ער האָט געשריבן אויפֿן בריוו־פּאַפּיער פֿון דער ניו־יאָרקער קאָמוניסטישער צייטונג „מאָרגן־פֿרייהייט". דאָס איז געווען די צייט פֿון דער פֿאַרברידערונג מיט די קאָמוניסטן, און מיט רוסלאַנד, ווען יידן האָבן געמיינט אַז זיי זענען אונזערע פֿריינט קעגן היטלער. ווען לייוויק למשל האָט געקענט זיך ער־קלערן אויפֿן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז אין 1937, אין „ליבשאַפֿט צום סאָוויעטנפֿאַרבאַנד". די ליבשאַפֿט האָט נישט לאַנג געהאַלטן. דער היטלער־גוטע אַרבעט". ער האָט דעמאָלט געשריבן מיטן סאָוויעטישן אויסלייג, און אַוועק ווייט פֿון דער „מאָרגן־פֿרייהייט". ער איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין „טאָג־מאָרגן זשורנאַל", ווו גלאַנץ־לעיעלעס איז געווען איינער פֿון די רעדאַקטאָרן.

נאָר אין לייב פֿיינבערגס פֿאַרמעסט מיט דער וועלט, זיין פֿאַרמעסט מיט דער וועלט־ליטעראַטור, איז זיין רוסיש־קענען. זיין אָנהויב ווי אַ רוסישער פּאָעט אַ נעבנזאַך, אַזעלכעס וואָס ער איז אויסגעוואַקסן דערפֿון, אויסגע־וואַקסן און געוואָרן ניט קיין רוסישער, נאָר אַ יידישער פּאָעט. דאָס איז געווען זיין געפֿונענער וועג, זיין אויסגעזוכטער וועג, זיין געפֿונענער שטאָלץ און פֿרייד. ווי ער האָט עס אונז אין זיינס אַ ליד געזאָגט:

> ווען מלאך־דומה מיט אַ רמז
> וועט פֿרעגן מיך ביים לעצטן גלעט:
> — „וואָס ווילסטו זיין אין עולם אמת?"
> „כ'וועל זיין אַ יידישער פּאָעט!"

---

יידישער וועלט־קאָנגרעס (יידישער קאָמיטעט) און יידישער זשורנאַליסטן און ליטעראַטן פֿאַריין

טרויער אקאַדעמיע צום אנדענק פֿון

# איציק מאנגער ז"ל

זונטיק, דעם 30־טן מערץ, 1969, פּונקט 3 אַ זייגער
אין
**21 DEAN STREET, LONDON, W.1**

רעדנער:

אלוואַ — שמואל גאָלדשמידט
יוסף לעפּטוויטש — יוסף פֿרענקעל
א. נ. שטענצל

פֿאַרלעזונגען פֿון מאַנגערס לידער: יוליאַן גאָלד

איינטריט פֿריי — קומט אין צייט

---

איבער **לוי אשכול ז"ל** דעם ישראל פּרעמיער, **לייב פֿיינבערג ז"ל** דעם פֿאָרזיצער פֿון יידישן פּען־קלוב, איבער די יידיש־סאָוויעטישע דיכ־טערין **חנה לעווין ז"ל**, און **מאַקס וויינרייך ז"ל**, פֿאָרזיצער פֿון ייוו"א, איז גערעדט געוואָרן ביי „די יידיש־ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס.

283

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פֿאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 4 (העפֿט 448) דרייסיקסטע יאָר אַפּריל 1969, לאָנדאָן

אינהאַלט:

וואַריאַציעס לכבוד פּסח תשכ"ט, 19־אַפּריל 1969 3
דער סאָציאַלער באַטייט פֿון פּסח יעקב ריכטיגער 8
די כעלמער קאָסמאָנאוט (ליד) הערי פֿאַצאַנאָווסקי 11
מיינע צוויי חדשים אין ישראל דוד בערמאַן 11
נאָכאַמאָל ד"ר עליאַשעוו, עזה כמות אהבה, די פּטירה פֿון קאָצקער, דאָס נסתלק ווערן פֿון חדושי־הרים (פּראָזע און פּאָעזיע) א. נ. שטענצל 14
יידיש סימפּאָזיום אין פּאַריז מ. ז. 23
איך געהער צו קיינעם נישט (ליד) עלא זילבערג
תפֿילה (ליד) רחל

## יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס

(בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, בערנער סטריט 33 — 3 אַזייגער

שבת דעם 12־טן אַפּריל, 54־סטע יאָרצייט פֿון י. ל. פּרץ. ס'באַטייליקן זיך: יעקב ריכטיגער, נעט רובין, מאיר באָגדאַנסקי און משה רעגן.
שבת דעם 19־סטן — פּראָגראַם: די שאַפֿונגען פֿון די קדושים־שרייבער.
שבת, דעם 26־סטן: יום העצמאות־פּראָגראַם: רעדנער, ח. נ. בענקוויטש.
שבת, דעם 3־טן מאַי אַ פֿאָרטראַג פֿון סעם לעף, לייענען די לידער פֿון איציק מאַנגער און אלחנן וואָגלער זכרונם לברכה — באָגאָדאַנסקי און י. גרינבערג.

## הזכרה פֿון וואַרשעווער געטאָ אויפֿשטאַנד

איינגעאָרדנט פֿון פֿריינט פֿון יידיש לשון, בונד־גרופּע און יידישן „רידינג־רום" רעדעס, רעציטאַציעס, די הזכרה וועט מאַכן דעם גוט־באַקאַנטן זינגער און אַקטיאָר לעאָן בלומענזאָן
זונטיק, דעם 20־סטן אַפּריל 3 אַזייגער, אין אַדלער־האָל, אַדלער סטר. א.1.

רעדאַקטירט פֿון א. נ. שטענצל
פּרייז 2 שילינג
אבאָנאַמענט־פּרייז :—26 שילינג פֿאַר א יאָר
אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר א יאָר
אַדרעס פֿון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—
7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*